**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## שטייענדיג בעפאר FIFA WORLD CUP 2026, אנאנסירט גאווערנער האקול 17.2 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צו באקעמפן אומלעגאלע דראָון באנוץ

***פעדעראלע פינאנצירונג פארשטערקערט סטעיט און לאקאלע מעגליכקייטן צו באשיצן קעגן די באנוץ מיט פילאטלאזע פלוגצייג סיסטעמען וועלכע שטעלן א געפאר צו די זיכערהייט פון די פובליקום***

***גאווערנער האט אין די פארגאנגענהייט אנאנסירט פלאן צו ווייטער באגרעניצן פלעצער וואו דראָונס מעגן פליהען און צו איבערגעבן ערווייטערטע אויטאריטעט צו אפגעבן פארגעצעצטע אינפארסירונג אויטאריטעט זיך צו אפרופן צו רעאליסטישע דראָון געפארן; שטיצן זיכערע טעסטינג פון אנטי-דראָון טעכנאלאגיעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז דורך די פעדעראלע אנטי-פילאטלאזע פלוגצייג סיסטעמען (Counter-Unmanned Aircraft Systems, C-UAS) גרענט פראגראם, האבן פיר ניו יארקע פובליק זיכערהייט אגענטורן וועלכע זענען פארמישט מיט די סעקיוריטי פאר די FIFA World Cup 2026 געשעענישן באקומען מער פון 17.2 מיליאן דאלאר צו באשיצן קעגן די דראאונג פון די אומלעגאלע באנוץ מיט דראָונס. די C-UAS גרענט גיבט פינאנצירונג וואס קען גענוצט ווערן צו איינקויפן עקוויפמענט און סיסטעמען וועלכע העלפן סטעיט און לאקאלע אגענטורן מיטן אויפכאפן, אידענטיפיצירן, נאכפאלגן, האלטן אן אויג אויף- און/אדער פארמינערן סכנות פון- פילאטלאזע פלוגצייג סיסטעמען וועלכע שטעלן א געפאר צו די זיכערהייט פון די פובליקום.

"מיט די אנטוויקלונג פון טעכנאלאגיע קומען נייע וועגן וויאזוי עס קען גענוצט ווערן צו שעדיגן אנדערע", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט אסאך אויפטוהן צו האלטן ניו יארקער זיכער בשעת'ן ערלויבן היסטארישע געשעענישן ווי די World Cup 2026 און אונזער לאנד'ס 250'סטע געבורטסטאג צו געפייערט ווערן זיכערערהייט."

פאר פיסקאלע יאר 2026, איז 250 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג וואס ווערן פארטיילט פאר די בעסטע פארשלאגן צוגעטיילט געווארן פאר עלף סטעיטס וועלכע טוהען דירעקט אדער אומדירעקט אפהאלטן געשעענישן אין פארבינדונג מיט די FIFA World Cup 2026, און אזוי אויך פאר דעם נאציאנאלן הויפטשטאט ראיאן וואס האלט אפ געשעענישן ארום די פייערונג פון אמעריקע'ס 250'סטע אינדעפענדענס דעי. די איבעריגעע 250 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וועט ארויסגעלייגט ווערן צו פארטיילט ווערן אין פיסקאלע יאר 2027.

פיר אגענטורן אריבער די סטעיט זענען געשאנקען געווארן פינאנצירונג:

| קערפערשאפט | סומע געשאנקען |
|---|---|
| New York State Police (NYSP) | $6,649,007 |
| Metropolitan Transportation Agency (MTA) | $2,605,539 |

| | |
|---|---|
| $1,500,000 | Port Authority of New York & New Jersey (PANYNJ) |
| $6,460,721 | New York City Police Department (NYPD) |

אלס טייל פון איר 2026 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט אז זי וועט אויפקומען מיט אן ארומנעמיגע פלאן פאר דראָונס. אין צייט וואס דראונס ווערן מער פארשפרייט און פארגעשריטן, שטעלן זיי שטייגנדע געפארן פאר פובליק זיכערהייט, קריטישע אינפראסטרוקטור און די פובליק. יעצטיגע געזעצן באגרעניצט די סטעיט'ס מעגליכקייט צו איינצוימען וואו דראונס קענען פליען, שנעל רעאגירן ווען דראונס ווערן גענוצט בייזוויליג אדער געפארפול אדער איבערקוקן און נוצן ווירקזאמע אנטי-דראון טעכנאלאגיעס.

אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2027, האט גאווערנער Hochul (האקול) פאראויס געשטופט אן ארומנעמיגע צוגאנג סיי צו פארבאטן געפארפולע דראון באנוץ און שמאלערהייט ארייינברענגען פאראנטווארטליכע באנוץ פון דראונס אלץ ערשטע רעספאנדערס. זי האט פאראויס גערוקט געזעצן און אגענטור שריט צו נאכמער באגרעניצן וואו דראונס קענען פליען, אויסברייטערן געזעץ אינפארסירונג אויטאריטעט צו רעאגירן צו רעאליסטישע דראון דראאונגען און שטיצן זיכערע איבערקוק פון אנטי-דראון טעכנאלאגיעס. די פארשלאג רעכנט אריין 5 מיליאן דאלאר פאר די ניו יארק סטעיט פאליציי (New York State Police) צו ארייינברענגען דראונס אלץ ערשטע רעספאנדערס, צו ערלויבן אפיצירן צו אפשאצן די צושטאנד פון א פאסירונג איידער אנקומען אויפ'ן סצענע און שטופן פאר אפיציר און פובליק זיכערהייט.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) ציטווייליגער קאמישאנער, Terry O'Leary (טערי אָוליערי), האט געזאגט,** "די מעגליכקייט צו אויפכאפן און פארקלענערן די סכנה וואס דראָונס שטעלן פאר מאסן פארזאמלונגען איז גאר וויכטיג צו באשיצן די פייערונגען וואס ניו יארק וועט אפהאלטן דעם זומער. די פינאנצירונג וועט העלפן אונזערע שותפים ביי די סטעיט פאליציי, NYPD, MTA און פארט אויטאריטעט (Port Authority) אדרעסירן די סכנה, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע שטיצע פאר ערפינדערישע צוגענג צו דאס פארזיכערן די זיכערהייט פון די פובליקום."

**סענאטארשע Kirsten Gillibrand (קירסטען דזשיליבראנד) האט געזאגט,** "אלס א מיטגלידערין פון די סענאט ארמיי סערוויסעס קאמיטע (Armed Services Committee), האב איך געארבעט פאר יארן צו פארזיכערן פעדעראלע אינוועסטירונגען וועלכע פארשטערקערן אנטי-דראָון מעגליכקייטן און צו מאדערניזירן און פארבעסערן אנטי-דראָון געזעצן צו האלטן ניו יארקער זיכער. מיט די FIFA 2026 World Cup זיך דערנענטערנדיג שנעלערהייט, בין איך שטאלץ צו האבן אריבערגעפירט א ביל צו ערלויבן געזעץ אינפארסירונג צו באשיצן מאסן פארזאמלונגען ווי די World Cup און צו האבן אהערגעשטעלט די פעדעראלע דאלארן וועלכע וועלן העלפן זיכער מאכן אז אונזער סטעיט איז אנגעגרייט און אז אונזערע קאמיוניטיס זענען באשיצט. איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו אהיים ברענגען פעדעראלע דאלארן וועלכע באשיצן ניו יארקע פאמיליעס און היטן אויף אמעריקאנער."

**קאנגרעסמאן Pat Ryan (פּעט רייען) האט געזאגט,** "זינט די אלארמירנדע אומאויטאריזירטע דראָון אקטיוויטעט ביי די סטוּערט לופטפעלד אין 2024, האב איך געשטופט אומאויפהערליך צו פארשטערקערן c-UAS אויטאריטעטן און פינאנצירן אינציאטיוון אויף די פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע שטאפלען צו זיכער מאכן אז ניו יארקער זענען באשיצט. איך בין שטאלץ צו זעהן ניו יארק ווערנדיג אויסגעוועהלט פאר דעם קריטישן פראגראם, און איך קוק ארויס צו אונזער אנגייענדע שותפות מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אויף די קריטישע די פובליק זיכערהייט אינציאטיוו. באזונדערס שטייענדיג בעפאר די World Cup, איז די מעגליכקייט צו אויפכאפן דראָונס און פארקלענערן פאטענציאלע סכנות

מער נישט א לוקסוס — נאר פונדאמענטאל פאר די זיכערהייט פון די פובליקום. דאס איז געווי די סארט ערפינדערישקייט פאר וועלכע מיר מוזן גיבן פריאריטעט אויף יעדע שטאפל פון רעגירונג."

**איבער די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES o'Facebook בלאט, פאַלאָוט NYSDHSES@ אויף X אדער באזוכט dhses.ny.gov.

באקומט לעבעדיגע עמערדזשענסי און וועטער אלערט טעקסט דירעקט צו אייער פאון. טעקסט אייער קאונטי אדער באָרא וואו איר וואינט צו 333111 זיך איינצושרייבן יעצט. לערנט מער אויף dhses.ny.gov/emergency-alerts.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן